ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוָן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## בְּהַעֲלֹתְךָ (באר"י שְׁלַח)

תשפ"ג

303

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אַ סִיּוּם אִין דִי נַיין טֶעג אוֹיף אַ מַסֶכְתָּא וָואס מֶען הָאט נָאר גֶעזָאגְט?..................א

מוּז יֶעדֶער מֶענְטְש דוּרְכְגֵיין דִי עוֹנֶש פוּן ״חִבּוּט הַקֶבֶר״?..............................ב

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ הִיטְן פוּן חוֹבוֹת, אוֹיבּ קוֹיפְט מֶען אַ הוֹיז מִיט אַ מָארְטְגֶעדְזְש?.................................................................ז

צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן רֵייכֶערְן, אָדֶער עֶסְן אַסַאךְ?................................ט

וָואס טוּט מֶען וֶוען אַ גֶעלְט-גֵייעֶר רֶעגְט זִיךְ אוֹיף?.............................י

וִוי אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ בַּיי אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת?............ יא

מֶעג אַ פְרוֹי גֵיין מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר אִין שְׁטוּבּ?...............................יב

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אָנְהַאלְטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת...............................א

נִישְׁט גֶערֶעכְט אָפְּצוּהַאקְן קֶשֶׁר מִיט אַ טָאכְטֶער צוּלִיבּ אַ שֵׁייטְל...............ב

טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ הַאלְסְט אַ גֶעזוּנְט קִינְד אִין דִי הֶענְט...................ב

נוּצְן נֶעיל פַּאלִישׁ פַאר אַנְדֶערֶע זַאכְן.............................................ג

זֵייעֶר גוּט אַז אִיר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן אִידִישׁ אִין שְׁטוּבּ.......................ג

טְרַאכְטְס נִישְׁט נֶעגֶעטִיוֶוע מַחֲשָׁבוֹת, טְרַאכְטְס פַּאזֶעטִיוו............................ד

טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם און זִיכֶער נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ.............................ה

כִּיבּוּד אֵם אִיז נִישְׁט ׳אָנְטוּן דִי קִינְדֶער אַלֶע אֵיינִיג בַּיי שִׂמְחוֹת׳.....................ו

חַס וְחָלִילָה אַוֶועק שְׁטוּפְּן מֶענְטְשְׁן....................................................ז

מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן זִיךְ פִירְן אֵיידְל.......................................ח

אָן אֱמוּנָה אִיז זַייעֶר שְׁוֶוער דָאס לֶעבְּן..........ט

עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק אוּן אַזוֹי פַיין וֶוען מֶען הִיט דִי אוֹיגְן..........ט

דֶעם רֶבִּינְ'ס שׁוּל זָאל זַיין דַיין שׁוּל, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זָאל זַיין דַיין פְּלַאץ..........י

דֶער זְכוּת פוּן אִיבֶּערְטַייטְשְׁן דִי קִינְדֶער בִּיכְל אוֹיף עֶנְגְלִישׁ..........יא

אַז דֶער מְלַמֵד גֶעבְּט לִיבְּשַׁאפְט פַאר קִינְדֶער, אִיז עֶס נִישְׁט שְׁלֶעכְט..........יב

בְּלַייבְּן אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג פַאר דִי שׁוּלֶע בֵּית פֵיגָא..........יג

אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וַואשְׁט אָפּ אַלֶע פְלֶעקְן פוּן דִי נְשָׁמָה..........יג

דַיין וַוייבּ וַוארְט דוּ זָאלְסְט אִיר גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט..........יד

אַז מִיר זָאלְן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן נָאר אוֹיף צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן,
אִיז שׁוֹין כְּדַאי..........טו

זַיי שְׁטַארְק בַּיי דִי אַרְבֶּעט נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט דִי גוֹיִם נִיבּוּל פֶּה..........טו

נִישְׁט אַרְבֶּעטְן נָאךְ זֶעקְס אַזֵייגֶער..........טז

וֶוער עֶס אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִיק אוֹיף דִי וֶועלְט, וֶועט זַיין מְקוּרָב
צוּם צַדִיק אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט..........טז

מַאכְט נִישְׁט דִי זַאךְ פוּן אוֹיסְרֵיינִיגְן דִי קֶערְפֶּער..........יט

וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל אִיז נִישְׁט נָאר הָאנִיג, מֶען דַארְף זִיךְ גוּט דֶערְהַאלְטְן..........יט

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## אַ סִיוּם אִין דִי נַיין טֶעג אוֹיף אַ מַסֶכְתָּא וָואס מֶען הָאט נָאר גֶעזָאגְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין יָארְן וָואס אִיךְ זָאג פַאר מַיין וַוייב אַז אִיךְ גֵיי מַאכְן אַ סִיוּם אוֹיף אַ מַסֶכְתָּא אִין דִי נַיין טֶעג, אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען עֶסְן אַ פְלֵיישִׁיגֶע סִיוּם סְעוּדָה, דֶערְוַוייל הָאבּ אִיךְ אָבֶּער נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט דִי זְכִיָ' צוּ מַאכְן אַמָאל אַ סִיוּם אוֹיף אַ מַסֶכְתָּא.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶעשְׁטוֹיסְן אִין דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן אִיךְ בִּין גֶעוָואוֹיר גֶעוָוארְן פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, אַז אַנְשְׁטָאט זִיךְ מוּטְשֶׁען אוּן נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט, קֶען מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אוּן עֶס אִיז פוּנְקְט אַזוֹי חָשׁוּב, אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּן, מִמֵילָא וֶועל אִיךְ דָאס יָאר אִם יִרְצֶה הַשֵׁם שׁוֹין קֶענֶען מַאכְן אַ סִיוּם, אָדֶער אֲפִילוּ מֶערֶערֶע סִיוּמִים.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אוֹיף אַ סִיוּם מַסֶכְתָּא וָואס מֶען הָאט נָאר גֶעזָאגְט, אוֹיבּ מֶען מֶעג פַאר דֶעם מַאכְן אַ פְלֵיישִׁיגֶע סִיוּם אִין דִי נַיין טֶעג?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳, ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ לֶערְנְסְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ

הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). אִין אָנְהוֹיבּ אִיז דָאס נִישְׁט גְרִינְג, אָבֶּער מִיט דֶער צַייט בַּאקוּמְט מֶען אַ טַעַם, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט, אַז מֶען דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט; מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין שָׂכָר, מֶען ווִיל נָאר נָאךְ אוּן נָאךְ לֶערְנֶען.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "מַדּוּעַ לֹא תִלְמַד", פַארְוָואס לֶערְנְסְטוּ נִישְׁט? "מַה תַּפְסִיד בָּזֶה, הֲלֹא תְּקַבֵּל עוֹלָם הַבָּא עַל הַלִּמּוּד", אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען וֶועסְטוּ נִישְׁט דֶערְלֵייגְן, דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען עוֹלָם הַבָּא, "וְאֵין צָרִיךְ לוֹמַר, כְּשֶׁהַתּוֹרָה מַרְאָה אַהֲבָה לְאֶחָד, אָז אֵין רוֹצֶה כְּלָל עוֹלָם הַבָּא, רַק שֶׁרוֹצֶה אֶת הַתּוֹרָה בְּעַצְמָהּ", אָפְּגֶערֶעדְט וֶוען דִי תּוֹרָה וֶועט זִיךְ אַרוֹיסְוַוייזְן פַאר דִיר, זִי וֶועט דִיר וַוייזְן לִיבְשַׁאפְט - וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶועלְן, דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט דַארְפְן שָׂכָר, וֶועסְט נָאר וֶועלְן נָאךְ אוּן נָאךְ לֶערְנֶען.

בְּנוֹגֵעַ עֶסְן פְלֵייש אִין דִי נַיין טֶעג; מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, כְּדַאי הוּא בֵּית אֱלֹקֵינוּ נִישְׁט צוּ עֶסְן פְלֵייש דִי פָּאר טֶעג, אֲפִילוּ מִיט אַ סִיוּם אוּן אֲפִילוּ מֶען הָאט דָאס גֶעלֶערְנְט מִיט הֲבָנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מוּז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דוּרְכְגֵיין דִי עוֹנֶשׁ פוּן "חִבּוּט הַקֶּבֶר"?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שְׂכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, מִיר הָאבְּן גֶעהַאט זֵייעֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע יוֹם טוֹב. אוּם שַׁבָּת הָאבְּן מִיר גֶעשְׁמוּעֶסְט וֶועגְן "חִבּוּט הַקֶּבֶר", מַיינֶע קְרוֹבִים הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז אוּנְזֶער זֵיידֶע - וָואס אַרְבֶּעט אִין חֶבְרָה קַדִּישָׁא - הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט הָאט חִבּוּט הַקֶּבֶר, אוּן זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז מַיין זֵיידֶע הָאט אֲפִילוּ גֶעהֶערְט ווִי מֶען מַאכְט חִבּוּט הַקֶּבֶר פַאר אַ מֶענְטְשׁ. מַיין מַאמֶע הָאט גֶעזָאגְט: "גֵיי וֵייס וֶועלְכֶע עֲבֵירוֹת הָאט יֶענֶער מֶענְטְשׁ גֶעטוּן, אוֹיבּ אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנָיוֹת אוּן תְּהִלִּים, וֶוען

ער גייט אַוֶועק פון די וֶועלְט איז דָאס אַזוֹי ווִי מֶען גייט אַרִיבֶּער פוּן איין צִימֶער צוּם צְוֵוייטְן", אָבֶּער מַיין מוּמֶע הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט אַז אֲפִילוּ מִיט די אַלֶע זאכְן גייט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אַרִיבֶּער חִבּוּט הַקֶּבֶר.

אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דֶעם, וַוייל ווִי קֶען זַיין אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט תְּהִלִּים און מִשְׁנָיוֹת און עֶר הָאט נָאכְאַלְץ חִבּוּט הַקֶּבֶר?

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן אַ תְּשׁוּבָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יום ב׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳, ט׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא״שׁ בְּרֶענְגְט הוּנְדֶערְטֶער און טוֹיזְנְטֶער מָאל אִין די בְּרִיוו פוּן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, אַז דֶער וָואס לֶערְנְט און זָאגְט מִשְׁנָיוֹת - וֶועט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן די בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע שְׁטְרָאף פוּן חִבּוּט הַקֶּבֶר. אַזוֹי אוֹיךְ בְּרֶענְגְט דֶער חִידָ״א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה (בְּשֵׁם מֶדְרַשׁ תַּלְפִּיּוֹת): ״אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב יוֹשֵׁב עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנוֹם, וּמִי שֶׁהִרְבָּה לִלְמוֹד מִשְׁנָיוֹת אֵינוֹ מַנִּיחוֹ לְהִכָּנֵס שָׁם״, אָשֵׁר זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵיהִנוֹם און וֶוער עֶס הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת - לָאזְט עֶר נִישְׁט גֵיין אִין גֵיהִנוֹם, מִיט דֶעם טַייטְשְׁט עֶר דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, כ): ״מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ״, ׳שְׁמֵנָה׳ אִיז די אוֹתִיּוֹת ׳מִשְׁנָה׳, וֶוען אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זֶעט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת, ״וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ״, וֶועט עֶר אִים גֶעבְּן גַּן עֵדֶן.

אַזוֹי אוֹיךְ, אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים - וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן די בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע עוֹנְשִׁים פוּן חִבּוּט הַקֶּבֶר. רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם: ״אִינְגֶערְמַאן, לֶערְן דֶעם סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, וַוייל אַ גוּף וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט דֶעם לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן - וֶועלְן די וֶוערֶעם נִישְׁט בַּייסְן אִין קֶבֶר״.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן פוּן וָואס יֶעדֶע מוּמֶע זָאגְט, קוּק וָואס צַדִּיקִים

זָאגְן; קוּק אַ שֵׁיינֶע בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן, ווִי מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט קְלָאר אַז דָאס וֶועט בַּאשִׁיצְן אִין קֶבֶר פוּן אַלֶע דִינִים:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, יוֹם חֲמִישִׁי לְסֵדֶר קְדֹשִׁים, כ"ד נִיסָן ה'תשע"א

**שָׁלוֹם וּבְרָכָה אֶל הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק זָאלְסְט זֶען זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין קַיין שׁוּם חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, וָוארוּם דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען בַּארִימְט זִיךְ מִיט דִיר אִין הִימְל וְכוּ'. קוּמְט אַ אִינְגֶערְמַאן אוּן נֶעמְט אַרוֹיס נְשָׁמוֹת פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו אוּן גֶעוואוֹינְט זֵיי צוּ צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, וָואס דֶער זְכוּת פוּן דֶעם קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן, וָוארוּם דִי גַאנְצֶע גְאוּלָה אִיז תָּלוּי אִין לִימוּד מִשְׁנַיוֹת, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה, פָּרָשָׁה ז', סִימָן ג') אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת; קוּמְט אוֹיס מִיט דֶעם וָואס דוּ וַוארֶעמְסְט אָן דִי טֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת בִּיסְטוּ מְקָרֵב דִי גְאוּלָה, אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר: נִישְׁט נָאר זָאלְסְט נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָּמִים וָואס דוּ גֵייסְט דוּרְךְ מִבַּיִת וּמִבַּחוּץ וְכוּ' וְכוּ', נָאר זָאלְסְט מְעוֹרֵר זַיין מֶער אוּן מֶער דִי בָּחוּרִים אַז זֵיי זָאלְן זַיין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זָאגְן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת כְּסִדְרָן, אוּן אוֹיף דֶעם דַארְפְסְטוּ אַסַאךְ רֶעדְן אוּן זֵיי מְעוֹרֵר זַיין, אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר אַרַיינְשַׁיינֶען אִין זֵיי דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת, דָאס יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים, וָוארוּם נָאר דָאס לִימוּד מִשְׁנַיוֹת קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית וּמִתַּחְתָּיו וְכוּ', אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ל', ד') הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי, אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "מִשְׁנָה", אֲפִילוּ מֶען לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, דוּרְךְ לֶערְנֶען "מִשְׁנָה" קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם נֶפֶשׁ פוּן שְׁאוֹל, אוּן דָאס דַארְף יֶעדֶער בָּחוּר אִיבֶּערְזָאגְן פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים.

אִיךְ ווֵייס אַז אַסַאךְ מָאל פַאלְט אוֹיף דִיר אַרוֹיף חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, אוּן עֶס קוּמְט דִיר אַרַיין גֶעדַאנְקֶען וָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס דִי גַאנְצֶע הָארֶעוַואנְיֶע וְכוּ' וָואס דוּ הָארֶעוֶועסְט מִיט דִי בָּחוּרִים וְכוּ', וָוארוּם אַסַאךְ מָאל זֶעט מֶען נִישְׁט

בַּיי זֵיי קַיין שׁוּם עֶנְדֶערוּנְג וְכוּ׳, זָאלְסְט נִישְׁט זָאגְן אַזוֹי, וָוארוּם אַזֶעלְכֶע בָּחוּרִים וָואס זֵיי זֶענֶען שׁוֹין דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַלֶע עֶרְלֵיי שְׁמוּץ רַחֲמָנָא לִישֵׁזְבָן, וָואס נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן דֶער צַדִיק וֵוייסְן אִין וָואס פַאר אַ שְׁמוּץ פוּן חַטְאוֹת נְעוּרִים זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעפַאלְן וְכוּ׳, אוּן יֶעצְט הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, דֶער שְׂכַר פוּן דֶעם קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן מְקוּבָּלִים דָאס מִשְׁנָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "מֹשֶׁה נ׳", דָאס הֵייסְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען בַּיים סוֹף צוּ קוּמֶען צוּם שַׁעַר נ׳, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים ל"ב, מ"ט) "עֲלֵה אֶל הַר הָעֲבָרִים הַזֶּה הַר נְבוֹ", וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן מְקוּבָּלִים דָאס דֶעמָאלְט הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרַיינְצוּגֵיין אִין שַׁעַר נ׳, וָואס דָאס אִיז דָאס וָוארְט "נְבוֹ" - "נ׳ בּוֹ", עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שַׁעַר נ׳, וָואס דָארְטְן אִיז דֶער בִּיטוּל אִינְגַאנְצְן צוּ אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, וָואס דָאס אִיז "מִשְׁנָה", אוֹתִיּוֹת "מֹשֶׁה נ׳", אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָה, וֶועט עֶר אוֹיכֶעט זוֹכֶה זַיין צוּקוּמֶען בַּיים סוֹף צוּם שַׁעַר נ׳, דָאס עֶר וֶועט שׁוֹין נִישְׁט זֶען גָארְנִישְׁט פַאר זַיינֶע אוֹיגְן נָאר גֶעטְלִיכְקֵייט.

אִיבֶּערְדֶעם שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן זַיי מְעוֹרֵר יֶעדְן טָאג דִי בָּחוּרִים פוּן נֵיי, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לִימוּד מִשְׁנָיוֹת. אוּן וִויסְן זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן י"ט) אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט אִין בְּלָאטֶע אוּן טוּט שְׁמוּץ וְכוּ׳, אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ לֶערְנֶען "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט דָאס אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי בְּלָאטֶע אוּן שְׁמוּץ וואוּ עֶר אִיז דָארְטְן אַרַיינְגֶעפַאלְן; אִיז מְקוּבָּל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אַז "כַּךְ וְכַךְ" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף לֶערְנֶען ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וָואס דָאס הָאט אַ גֶעטְלִיכְן כֹּחַ אַרוֹיסְצוּרַייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן זֵייעֶר אַסַאךְ צַדִיקִים, אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפ"ה).

אוּן עֶס אִיז אַ פֶּלֶא אַז "כַּךְ וְכַךְ" בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט וִוי דֶער שֵׁם "אֱלֹקִים",

וָואס דָאס אִיז דֶער שֵׁם פוּן מִידַת הַדִּין; אֲפִילוּ עֶס גֵייט שׁוֹין דוּרְךְ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַלֶע דִינִים קָשִׁים וּמָרִים, אוֹיב עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", דָאס הֵייסְט חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וֶועט נִמְתָּק וֶוערְן פוּן אִים אַלֶע דִינִים.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי אַזְהָרוֹת פוּן הַגָאוֹן רֶבִּי נְתַנְאֵל וֵוייל זי"ע [בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "קָרְבַּן נְתַנְאֵל" אוֹיפְ'ן רֹא"שׁ], "כֹּל יוֹצְאֵי יְרֵיכִי, מִי שֶׁמְּכוּנֶּה בְּשֵׁם לַמְדָן וּמַשְׁלִים עֲבוֹדָתוֹ עֲדֵי עָרֶב, רָאוּי לַחֲזוֹר יוֹם יוֹם חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, חַ"י חַ"י יוֹדוּךְ, תּוֹעֶלֶת לִנְשָׁמָה, וּמַאֲרִיךְ יָמִים", עַיֵּין שָׁם. אִיבֶּערְדֶעם זָאלְסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן קַיין שׁוּם בְּרִיָּה שֶׁבָּעוֹלָם, נָאר רֶעדְן יֶעדְן טָאג פְּעָמִים אֵין מִסְפָּר מִיט דִי בָּחוּרִים דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג, אוּן דוּ זָאלְסְט מִיט זֵיי זִינְגֶען "כַּךְ וְכַךְ" דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס זָאךְ, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם קֶען שְׁפְּרִינְגֶען בִּיזְ'ן דַאךְ, וַוייל אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת זֵייעֶר אַסַאךְ, גֶעב אִיךְ פוּן אִים אַ גְרוֹיסְן לַאךְ, אוּן אִיךְ קוּק נִישְׁט וָואס יֶעדֶער טִיפֵּשׁ טוּט מִיט דִי הַאנְט אַ מַאךְ, דָאס אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת אַסַאךְ. וָואס הָאב אִיךְ מִיט יֶענֶעם, אִיךְ וֵוייס אַז נָאר מִשְׁנָיוֹת וֶועל אִיךְ מִיט מִיר מִיטְנֶעמֶען. אוּן דָאס וֶועט מִיךְ פוּן אַלֶעם בֵּייזְן בַּאשִׁיצְן, אוּן אִין קֵבֶר וֶועלְן אַלֶע שְׁרָצִים אוּן וֶוערִים אוּן אַלֶע מַלְאֲכֵי חַבָּלָה פוּן מִיר זִיךְ אַוֶועק פִּיצְן, אוּן כָאטְשׁ זֵיי וֶועלְן מִיט זֵייעֶרֶע בֵּייזֶע צֵיינֶער אוֹיף מִיר טוּעֶן קְרִיצְן, אָבֶּער עֶס וֶועט זֵיי שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן, וָוארוּם דִי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וָואס אִיךְ הָאב גֶעלֶערְנְט וֶועלְן מִיר פוּן זֵיי בַּאשִׁיצְן. אוּן אִיךְ וֶועל וֶוערְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אָפְּגֶעהִיטְן, אוּן אִין גַן עֵדֶן וֶועל אִיךְ צוּזַאמֶען מִיט דִי צַדִּיקִים זִיצְן.

הַלְוַאי הַלְוַאי זָאלְסְטוּ דָאס קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי בָּחוּרִים, זֵיי זָאלְן יֶעדְן טָאג זִיךְ בַּאפְלַייסְן אִין לִימוּד מִשְׁנָיוֹת, אוּן נִישְׁט נָאר זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען, נָאר זֵיי זָאלְן מְעוֹרֵר זַיין זֵייעֶרֶע חֲבֵרִים אוֹיף דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לִימוּד מִשְׁנָיוֹת, קֵיינֶער קֶען אוֹיף דֶעם נִישְׁט קְרִיגְן, וָוארוּם עֶס וֶוערְט בְּפֵירוּשׁ גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "לִיקוּטֵי תּוֹרָה" פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מָרְדְּכַי פוּן טְשֶׁערְנָאבִּיל זי"ע (הַדְרָכָה ו'), "תֹּאמַר חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת בְּכָל יוֹם בְּלִי פֵּירוּשׁ, כְּדֵי שֶׁתִּגְמוֹר בְּכָל חוֹדֶשׁ כָּל הַשִּׁשָּׁה סְדָרִים, כֵּן תִּנְהוֹג כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ", אוּן אַזוֹי

וֶוערְט אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "יְסוֹד יוֹסֵף" וָואס רֶעדְט אַרוּם זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן תִּיקוּן הַבְּרִית, (עַיֵּין תִּיקוּן י"ב) "לִימוּד מִשְׁנַיּוֹת אֵין לְמַעְלָה מִזֶּה, וּמַה טוֹב לִלְמוֹד חַ"י פְּרָקִים מִי שֶׁסִּיפֵּק בְּיָדוֹ, נֶגֶד מִדַּת יְסוֹד שֶׁפּוֹגֵם בְּחֵטְא זֶה, וּמִדַּת יְסוֹד נִקְרָא חַ"י כַּנּוֹדָע לְיוֹדְעֵי חֵן".

דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס פַאר אַ שִׂמְחָה אִיךְ הָאבּ פוּן יֶעדְן בָּחוּר וָואס קוּמְט אַרַיין צוּ מִיר אוּן בַּארִימְט זִיךְ, דֶער זָאגְט עֶר הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט פוּפְצִיג מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן דֶער זָאגְט פֶערְצִיג מָאל וְכוּ' וְכוּ', עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶער נַחַת פוּן דֶעם. אוּן אוֹיבּ דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר מְזַכֶּה זַיין בָּחוּרִים צוּ חַזְרְ'ן אַסַאךְ מִשְׁנַיּוֹת, אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען כְּדַאי, וָוארוּם אַזוֹי שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (בְּרֵאשִׁית מ"ב.) מַאן דְקָארֵי וְתָנֵי שִׁית סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָא הוּא מַאן דְיָדַע לְסַדְרָא וּלְקַשְׁרָא קִשּׁוּרָא וְיִחוּדָא דְמָארֵיה כִּדְקָא יָאוּת, אִלֵּין אִינוּן דִמְקַדְשִׁין שְׁמָא קַדִישָׁא דְמָארֵיהוֹן בְּכָל יוֹמָא תָּדִיר; וֶוער עֶס לֶערְנְט אוּן זָאגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דֶער קֶען מְקַשֵּׁר זַיין אַלֶע עוֹלָמוֹת אוּן מְיַחֵד זַיין יִחוּדִים פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן דִי זֶענֶען מְקַדֵּשׁ דֶעם בַּאשֶׁעפֶּערְ'ס הֵיילִיגְן נָאמֶען יֶעדְן טָאג שְׁטֶענְדִיג. פְרֶעג אִיךְ דִיר: נָאךְ דֶעם אַלֶעם דַארְפְסְטוּ הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת?! דַארְפְסְטוּ צוּבְּרָאכְן וֶוערְן?!

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן, נָאר זָאלְסְט זֶען וָואס מֶער בָּחוּרִים מְקָרֵב זַיין אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן פַארְפַאלְן.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ לֶעכְטִיגְן טָאג אוּן אַ פְרֵיילִיכְן תָּמִיד.

*

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ הִיטְן פוּן חוֹבוֹת, אוֹיבּ קוֹיפְט מֶען אַ הוֹיז מִיט אַ מָארְטְגֶעדְזְשׁ?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בַּאקוּם בָּרוּךְ הַשֵּׁם יֶעדֶע וָואךְ דֶער גִּלְיוֹן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אוּן דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֶס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פוּן דִי טַייעֶרֶע מְפִיצִים דָא אִין שְׁטָאט, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו אִינֶעם גִּלְיוֹן וָואס הָאט מִיךְ גֶעמַאכְט טְרַאכְטְן...

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א שְׁרַייבְּט דָארְט אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן חוֹבוֹת, אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב. לְמַעֲשֶׂה אִיז דֶער מְצִיאוּת הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַז עֶס נִישְׁט מֶעגְלִיךְ פַּאר רוֹב מֶענְטְשְׁן צוּ קוֹיפְן אַ הוֹיז אָדֶער אַ קַאר אָן צוּ נֶעמֶען אַ "מַשְׁכַּנְתָּא", אַ מָארְטְגֶעדְזְשׁ, גֶעוֶוענְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִישְׁט אַרָאפְּלֵייגְן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע סוּמֶעס אוֹיף אֵיין מָאל, סְפֶּעצִיעֶל דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס עֶס אִיז אַיינְגֶעפִירְט בַּיי טֵייל קְהִלּוֹת אַז מֶען נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער צוּ קוֹיפְן אַ דִירָה פַּאר דִי קִינְדֶער.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען לֶעבְּן אָן צוּ זַיין אַ בַּעַל חוֹב פַּאר דִי בַּאנְק, אוֹיבּ מֶען וויל קוֹיפְן אַ הוֹיז?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳, י׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ מָארְטְגֶעדְזְשׁ אָדֶער אַ פֵיינֶענְס, דָאס אִיז דָאךְ דֶער דֶרֶךְ הָעוֹלָם הַמִּסְחָר; דָאס אִיז אַנְשְׁטָאט צָאלְן רֶענְט פַּאר אַ צְוֵוייטְן - צָאלְט מֶען פַאר זִיךְ אַלֵיין, מֶען צָאלְט צוּרִיק פַארְן בַּאנְק.

דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט נִישְׁט צוּ הָאבְּן חוֹבוֹת - דָאס מֵיינְט מֶען ׳נִישְׁט בָּארְגְן גֶעלְט פוּן מֶענְטְשְׁן׳, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; נִישְׁט וֶוערְן אַ קְנֶעכְט פַאר אַנְדֶערֶע. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, ז): ״עֶבֶד לֹוֶה לְאִישׁ מַלְוֶה״, דֶער וָואס בָּארְגְט גֶעלְט - וֶוערְט יֶענֶעמְ׳ס אַ קְנֶעכְט.

אוֹיבּ מֶען אִיז יָא פַארְזִינְקֶען אִין דִי חוֹבוֹת, אִיז דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ - מֶען זָאל אוֹיפְהֶערְן בָּארְגְן; זִיךְ מַאכְן אַ פֶעסְטֶע בַּאשְׁלוּס ׳נִישְׁט בָּארְגְן מֶער קֵיין גֶעלְט, קֵיין אֵיין פְּרוּטָה׳, אוּן אַז מֶען דַארְף אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אוּן מֶען

הָאט נִישְׁט - מֶעג מֶען גֵיין נָאךְ גֶעלְט, צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער; עֶס דַארְף נִישְׁט זַיין קַיין בּוּשָׁה, וַוייל אַזוֹי שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רנג, סְעִיף ב), וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט - מֶעג נֶעמֶען פוּן צְדָקָה.

צְוֵויטְנְס, מֶען קֶען בַּאצָאלְן חוֹבוֹת צוּבִּיסְלִיךְ. מוֹהֲרַ"ש הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט ווִי אַזוֹי צוּ בַּאצָאלְן חוֹבוֹת; יֶעדְן טָאג, יֶעדֶע מָאל - טְרָאגְט מֶען פַארְן מַלְוֶה נָאךְ אַבִּיסְל אוּן מֶען אִיז אִים מְפַייֵס, אוּן בְּמֶשֶׁךְ הַזְּמַן קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶע חוֹבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן רֵייכֶערְן, אָדֶער עֶסְן אַסַאךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר וָואס אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם מְקוּרָב גֶעוָואָרְן צוּ מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק מִיט דִי עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פוּן מוֹהֲרָא"ש, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט מֶען זָאל נִישְׁט רֵייכֶערְן. אִיךְ הָאבּ טַאקֶע אוֹיפְגֶעהֶערְט רֵייכֶערְן פַאר אַ שְׁטִיק צַייט, אָבֶּער צוּלִיבּ דֶעם הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מֶער עֶסְן, אוּן אִיךְ וֶוער מֶער פֶּעשׂ, נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ בִּין שׁוֹין בִּיז יֶעצְט אוֹיךְ גֶעוֶוען הִיבְּשׁ אַ פוּלֶער בָּחוּר.

אִיז מַיין שְׁאֵלָה אוֹיבּ אִיךְ זָאל צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן רֵייכֶערְן, אָדֶער וַוייטֶער עֶסְן אַסַאךְ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נָשׂא ב', י' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֵייעֶר גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ רֵייכֶערְסְט נִישְׁט אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ וַוייטֶער טוּן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן רֵייכֶערְן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רעג, תעב).

**בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; דו בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שִׂמְחָה, זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן כד) **זַיין פְרֵיילִיךְ בְּרֶענְגְט אַלֶע רְפוּאוֹת, אוֹיךְ קֶען מֶען זִיךְ מֶער קָאנְטְרָאלִירְן, מֶען לֶעבְּט מִיט אַ יִשּׁוּב הַדַּעַת** (שָׁם, סִימָן י).

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

### וָואס טוּט מֶען וֶוען אַ גֶעלְט-גֵייעֶר רֶעגְט זִיךְ אוֹיף?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֵיין טָאג בִּין אִיךְ גֶעשְׁלָאפְן אוֹיפְן קָאוּטְשׁ אוּן אֵיינֶער הָאט גֶעקְלִינְגֶען בַּיים טִיר, מַיין זוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם טִיר אוּן אַן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶער אִיד זָאגְט אִים: "רוּף דַיין טַאטֶע", אִיךְ הָאב פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר גֵייט נָאךְ גֶעלְט, הָאב אִיךְ גֶעגֶעבְּן פַאר מַיין זוּן אַ דָאלֶער אִים צוּ גֶעבְּן.

וֶוען מַיין זוּן הָאט אִים עֶס גֶעגֶעבְּן, זָאגְט עֶר אִים "שְׁכַּח", עֶר גֶעבְּט אִים צוּרִיק צְוֵויי דָאלֶער אוּן גֶעבְּט אַ זָאג: "שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וואוֹינֶען דָא", אוּן אִיךְ הָאב אִים גֶעזֶען פוּן דִי פֶענְסְטֶער אַוֶועקְגֵיין.

דַארְף אִיךְ זִיךְ צוּטוּן מַאכְן? הָאב אִיךְ אִים גֶעדַארְפְט נָאכְלוֹיפְן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳, י׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין, אַסַאךְ פוּן דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע גֶעלְט גֵייעֶרְס וָואס קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע - זֶענֶען זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט; זֵיי וָואלְטְן גֶעוָואלְט זַיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, זֵיי שְׁלֶעפְּן זִיךְ אַרוּם אִין דִי פְרֶעמְד קְלֵייבְּן אַ דָאלֶער נָאךְ אַ דָאלֶער פַאר דִי חוֹבוֹת פוּן חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער; מֶען דַארְף זֵיי דַן זַיין לְכַף זְכוּת אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ זֵיי.

איך הָאב אַמָאל מִיטְגֶעהַאלְטְן אַ מַעֲשֶׂה, אַ איד פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל איז גֶעקוּמֶען קְלַייבְּן גֶעלְט אִין דִי כּוֹלֵל וואו אִיךְ הָאב גֶעלֶערְנְט נָאךְ מַיין חֲתוּנָה, אוּן אֵיינֶער פוּן דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט הָאבְּן אִים גֶעגֶעבְּן אַ פְּרוּטָה. דֶער מְשׁוּלָּח איז אַרוֹיס פוּן דִי גְלֵייזְן, עֶר הָאט זִיךְ פַּארְלוֹירְן; עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוארְפְן זַיין גַאנְצֶע גֶעלְט אִין דִי לוּפְט, עֶס איז גֶעוֶוען זֵייעֶר וֶוייטָאגְלִיךְ דָאס צוּ זֶען.

פוּן הַיינְט אָן, וֶוען דוּ גֶעבְּסְט צְדָקָה - זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְבֶּעטְן דִי גֶעלְט גֵייעֶרְס, זֵיי זָאגְן: "מִיר הָאבְּן נִישְׁט מֶער, אַז מִיר וֶועלְן הָאבְּן וֶועלְן בְּלִי נֶדֶר גֶעבְּן שֶׁענֶערֶע סְכוּמִים". אוּן אוֹיךְ זֵיי בְּרֶענְגֶען טְרִינְקֶען; זוּמֶער וֶוען זֵיי גֵייעֶן אִין דִי הִיצְן - זֵיי בְּרֶענְגֶען אַ קַאלְטֶע טְרִינְק, אוּן ווִינְטֶער וֶוען זֵיי גֵייעֶן אִין דִי קֶעלְט - זֵיי בְּרֶענְגֶען עֶפֶּעס וַוארֶעמְס; וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט:): "וְהַמְפַיְּסוֹ בִּדְבָרִים מִתְבָּרֵךְ בְּאַחַת עֶשְׂרֵה בְּרָכוֹת", עַיֵּין שָׁם.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס רֶעדְט שֵׁיין אוּן בֶּעט אִיבֶּער דִי גֶעלְט-גֵייעֶרְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וִוי אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ בַּיי אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַזוֹי וִוי דֶעם שַׁבָּת וֶועט זַיין אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת בַּיי אוּנְז אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ פִירְן בַּיי אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, אוֹיב מֶען טְרִינְקְט אוֹיס דֶעם כּוֹס פוּן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, אוּן אוֹיב עֶס איז אַ חִילוּק פוּן פַארְן זְמַן רַבֵּינוּ תַּם אָדֶער נָאכְן זְמַן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳, י״ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיבּ בֶּענְטְשְׁט מֶען נָאכְן זְמַן - דֶעמָאלְט טְרִינְקְט נָאר דֶער וָואס זָאגְט דִי בְּרָכוֹת אוּן אוֹיךְ דִי כַּלָּה, אָבֶּער נִישְׁט דֶער חָתָן. אוֹיבּ אִיז נָאךְ אֵיידֶער דֶער זְמַן - קֶען אוֹיךְ דֶער חָתָן טְרִינְקֶען.

דָאס אִיז נָאר בַּיי שֶׁבַע בְּרָכוֹת, אָבֶּער אַלֶע וָואכְן - אוֹיבּ בֶּענְטְשְׁט מֶען נָאכְן זְמַן - טְרִינְקְט מֶען נִישְׁט אוֹיס דִי כּוֹס שֶׁל בְּרָכָה. אַזוֹי וִוי דֶער מָגֵן אַבְרָהָם זָאגְט (סִימָן רצט, סְעִיף קָטָן ז): ״מִי שֶׁאֵינוֹ נִזְהָר בְּכָל הַשָּׁנָה לְבָרֵךְ עַל כּוֹס דס״ל כמ״ד דְּאֵין טָעוּן כּוֹס גַּם עַתָּה אָסוּר לִשְׁתּוֹת מִמֶּנּוּ״, נָאר דֶער וָואס פִּירְט זִיךְ אַלֶעמָאל צוּ בֶּענְטְשְׁן אוֹיף אַ כּוֹס - קֶען טְרִינְקֶען, עַיֵּין שָׁם.

דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת זָאגְט מֶען וֶוען דִי כַּלָּה אִיז דָארְט, דִי כַּלָּה קֶען זִיצְן בַּיים טִיר פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

שַׁבָּת זָאגְט מֶען נִישְׁט דְּוַי הָסֵר.

אוֹיבּ דִי חֲתוּנָה אִיז גֶעוֶוען זוּנְטָאג בַּייטָאג, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זָאגְן דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת נָאר בַּייטָאג, פַארְן זְמַן מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

...

**מֶעג אַ פְרוֹי גֵיין מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר אִין שְׁטוּבּ?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אַ פְרוֹי מֶעג גֵיין מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר בַּיי זִיךְ אִינְדֶערְהֵיים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחִי'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עַל פִּי הֲלָכָה טָאר אַ פְרוֹי נִישְׁט גֵיין אִין גַאס מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, אוּן דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַז אוֹיךְ אִין שְׁטוּבּ זָאל מֶען נִישְׁט גֵיין מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, וַוייל עֶס בְּרֶענְגְט צָרוֹת אוּן פִיל שְׁלֶעכְטְס.

קוּקְט דֶעם לָשׁוֹן וָואס דֶער זוֹהַר זָאגְט (נָשֹׂא קכה:): 'תּוּנְבָא לֵיתֵי' אַ קְלָלָה זָאל קוּמֶען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ' אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ' וָואס לָאזְט זַיין וַוייבּ, 'דְּתִתְחַזֵּי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אַז אִיר הָאר פוּן קָאפּ זָאל זִיךְ אַרוֹיסְזֶען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ', דָאס אִיז פוּן דִי יְסוֹדוֹת פוּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי הָאר פוּן דִי פְרוֹי. 'וְאִתְּתָא דַּאֲפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אוּן אַ פְרוֹי וָואס גֵייט מִיט אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הָאר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ' זִיךְ שֵׁיין צוּ מַאכְן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא' אִיז זִי גוֹרֵם אַז עֶס זָאל זַיין אָרֶעמְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְּׁבוּן בְּדָרָא' אוּן זִי אִיז גוֹרֵם אַז אִירֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט זַיין חָשׁוּב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא' אַזוֹי אוֹיךְ אִיז זִי גוֹרֵם אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי נִישְׁט גוּטֶע זָאלְן זִיךְ גֶעפִינֶען אִין אִיר שְׁטוּבּ. 'מַאן גָּרִים דָּא' וֶוער אִיז דָאס אַלֶעס גוֹרֵם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר' דִי פְרוֹי וָואס אִיר הָאר זֶעט זִיךְ אַרוֹיס.

ווּאוֹיל אִיז דִי פְרוֹי וָואס גֵייט צְנִיעוּת'דִיג אוּן פִירְט זִיךְ אֵיידְל, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַ פְרוֹי וָואס פִירְט זִיךְ אֵיידְל אוּן צְנִיעוּת'דִיג, וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אָנְהַאלְטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳, ח׳ סִיוָן, אִסְרוּ חַג, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ הֶערְלִיכֶער יוֹם טוֹב, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ שֵׁיינֶער קִיבּוּץ; אִיךְ הָאבּ הַנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין דָארְט יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע מִינוּט.

יֶעצְט דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אָנְצוּהַאלְטְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן. יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת הָאבְּן מִיר זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה, יֶעצְט דַארְף מֶען אָנְהַאלְטְן דָאס בֶּענְקֶען; וַוייטֶער בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּענְקֶען צוּ דִי תּוֹרָה אוּן צוּ אַלֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען בֶּענְקֶען, וֶועלְן אוּן הָאפְּן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זַיין מְחוּתָּן, הָרַב הַצַּדִּיק מְוָואלְטְשִׁיסְק זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, וָואס הָאט פֶּערְצִיג יָאר גֶעבֶּענְקְט צוּ אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן וֶוען דֶער חְמֶעלְנִיקֶער רָב (אוֹיךְ אַ מְחוּתָּן פוּן רֶבִּי׳ן) הָאט דָאס גֶעהֶערְט - הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״וָואס דַארְף מֶען זִיךְ בֶּענְקֶען? אוֹיבּ וִויל מֶען פָארְן עֶפְּנְט מֶען דִי בֶּערְזְל, מֶען נֶעמְט גֶעלְט אוּן מֶען פָּארְט״.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט: ״דֶער מְחוּתָּן פוּן וָואלְטְשִׁיסְק וֶועט אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן דֶער מְחוּתָּן חְמֶעלְנִיקֶער רָב - נִישְׁט״, וַוייל דֶער עִיקָר אִיז דָאס בֶּענְקֶען, וֶועלְן אוּן הָאפְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### נִישְׁט גֶערֶעכְט אָפְּצוּהַאקְן קֶשֶׁר מִיט אַ טָאכְטֶער צוּלִיבּ אַ שֵׁייטְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת נָשֹׂא ב', ט' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בִּיסְט נִישְׁט גֶערֶעכְט אַז דוּ הָאסְט אָפְּגֶעהַאקְט קֶשֶׁר מִיט דַיין טָאכְטֶער צוּלִיבּ דֶעם וָואס זִי הָאט אָנְגֶעטוּן אַ שֵׁייטְל; זָאלְסְט פַארְרֶעכְטְן אוּן צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט אִיר אוּן מִיט אִיר מַאן.

אַסַאךְ גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל הָאבְּן מַתִּיר גֶעוֶוען פַאר אַ פְרוֹי צוּ גֵיין מִיט אַ שֵׁייטְל, מֶען הַאקְט נִישְׁט אָפּ מִיט אַ טָאכְטֶער צוּלִיבּ אַ שֵׁייטְל.

וִויפִיל טַאטֶעס אוּן מַאמֶעס בְּלוּטִיגְן וֶוען דִי קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט, זֵיי קוּמֶען אַהֵיים מִיט אַ גוֹי הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; זֵיי וָואלְטְן זִיךְ גֶעווּאוּנְטְשְׁן דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין אִידִישׁ חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן גֵיין צוּגֶעדֶעקְט דִי קָאפּ מִיט וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין.

...

### טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ הַאלְסְט אַ גֶעזוּנְט קִינְד אִין דִי הֶענְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת נָשֹׂא ב', ט' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַזָּל טוֹב! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ מְגַדֵּל זַיין דַיין קִינְד לְתוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים, דֶער קִינְד אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זָאל אַרַיינְרָאטְן אִינֶעם גְרוֹיסְן צַדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ; עֶס זָאל זַיין 'כְּשֵׁם שֶׁנִּכְנַס לַבְּרִית' - מִיטְן נָאמֶען וָואס מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן בַּיים בְּרִית, 'כֵּן יִכָּנֵס לְתוֹרָה וּלְחוּפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים' - דֶער נָאמֶען זָאל אִים גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן.

אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אִינֶעם בְּרִיוו, אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן חִיזוּק פַּאר דִיר אוּן דַיין וַוייבּ; וָואס פַאר אַ חִיזוּק דַארְפְּסְטוּ יֶעצְט? הָאסְט אַ גֶעזוּנְט קִינְד, וָואס פַאר אַ חִיזוּק דַארְפְסְטוּ?! דַארְפְּסְט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ הַאלְסְט אַ גֶעזוּנְט קִינְד אִין דִי הֶענְט.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען נָאךְ אוּן נָאךְ יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### נוּצְן נֶעיל פַּאלִישׁ פַאר אַנְדֶערֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נָשׂא ב׳, י׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

נֶעיל פַּאלִישׁ בְּרֶענְגְט דִינִים וֶוען מֶען שְׁמִירְט דָאס אוֹיף דִי נֶעגְל, אָבֶּער אַז מֶען וִויל דָאס נוּצְן פַאר אַנְדֶערֶע זַאכְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל צוּקְלֶעבְּן דִי קֵייטְל - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זֵייעֶר גוּט אַז אִיר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן אִידִישׁ אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשׂא ב׳, י״ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

זֵייעֶר גוּט אַז אִיר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן אִידִישׁ אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי וֶועלְן דִי קִינְדֶער קֶענֶען דִי שְׁפְּרַאךְ. אִידִישׁ אִיז אַ הֵיילִיגֶע שְׁפְּרַאךְ, אִיז כְּדַאי צוּ רֶעדְן אִין שְׁטוּבּ אִידִישׁ, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט דִי שְׁפְּרַאךְ. מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּן פוּן דִי וָואס לַאכְן אוּן שְׁפֶּעטְן; מֶען טוּט וָואס אִיז רִיכְטִיג, נִישְׁט וָואס דִי מִשְׁפָּחָה טוּט.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַזַא טֵייעֶרֶער מַאן וָואס אִיר הָאט בַּאקוּמֶען, אוּן פוּן הַיינְט אִיז דָא אַ נַייעֶ מִשְׁפָּחָה: אִיר, אַייעֶר מַאן אוּן נָאךְ אַבִּיסְל אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ; אִיר דַארְפְט נִישְׁט פְרֶעגְן יֶעדֶע בְּרוּדֶער אוּן יֶעדֶע שְׁוֶועסְטֶער וָואס צוּ טוּן וְכוּ' וְכוּ'.

זָאגְט תְּהִלִּים, אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תפה): "אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי אַ גוּטֶע פָּאנְטְשׁ", וֶוען מֶען אִיז הֵייס, מֶען אִיז גוּט אוֹיסְגֶעדָארְשְׁט - אִיז מֶען זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט אַ גְלֶעזְל טְרִינְקֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**טְרַאכְטְס נִישְׁט נֶעגֶעטִיוֶוע מַחֲשָׁבוֹת, טְרַאכְטְס פַּאזֶעטִיוו**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת נָשֹׂא ב', י"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִּים אוּן אִיר הָאט יֶעצְט גֶעעֶנְדִיגְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן - זָאל זָאגְן תְּהִלִּים, תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, תְּהִלִּים וַוייזְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַ וֶועג אִין לֶעבְּן וִוי אַזוֹי צוּ זַיין גוּט.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר הָאט אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ הֶער אַזוֹיפִיל צָרוֹת יֶעדְן טָאג, אַזוֹיפִיל פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֵייעֶנְט אַייעֶר בְּרִיוו אוּן גֶעזֶען וִוי גוּט עֶס אִיז אַייךְ, וִוי דַאנְקְבַּאר אִיר זֶענְט אוּן וִוי אִיר לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייעֶר מַאן - הָאט דָאס מִיר זֵייעֶר דֶערְפְרֵיידְט.

זָארְגְט נִישְׁט, אִיר וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער, און וֶוען עֶס קוּמֶען אַרַיין מַחֲשָׁבוֹת פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, נֶעגֶעטִיוֶוע מַחֲשָׁבוֹת אַז 'אֶפְשָׁר נִישְׁט', זָאלְט אִיר אַרַיינְלֵייגְן אַפָּאר פְּרוּטוֹת אִין דִי פּוּשְׁקֶע און בֶּעטְן אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער".

טְרַאכְטְס נִישְׁט נֶעגֶעטִיוֶוע מַחֲשָׁבוֹת, טְרַאכְטְס פָּאזֶעטִיוו, טְרַאכְטְס 'נָאךְ אַבִּיסְל הָאב אִיךְ אַ קִינְד און עֶס וֶועט זַיין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ און אַזוֹי גוּט'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם און זִיכֶער נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב', י"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

טַעֲנָה נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם און זִיכֶער נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ; וָואס אִיז זִי שׁוּלְדִיג אַז מֶען הֶעצְט אִיר אוֹיף קֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן...? דוּ גֵיי דַיין וֶועג, און אַז מֶען רֶעדְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, און מֶען רֶעדְט אוֹיף מוֹהֲרָא"ש - זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה'ן.

וֶוער רֶעדְט אוֹיפְן רֶבִּי'ן? וֶוער רֶעדְט אוֹיף הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ? נָאר בַּעֲלֵי עֲבֵירָה, און אֲפִילוּ זֵיי זֶעעֶן אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן ווִי גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן - זָאלְסְטוּ ווִיסְן דָאס זֶענֶען אַלֶע בַּעֲלֵי עֲבֵירָה.

אַזוֹי מוּז זַיין. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז') אֵיידֶער זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֶעשְׁרִיגְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט - פַּארְוָואס הָאסְטוּ מִיךְ בַּאשַׁאפְן?!" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ גֵיי און זוּךְ דִיר אַן עֵצָה". אִיז עֶר אַוֶועק

גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטִיטְשְׁקֶן, זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אַן עֵצָה, אוּן דָאס אִיז דִי עֵצָה פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, מֶען לַאכְט פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען שְׁפֶּעט אָפּ פוּן בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים.

אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט אֱמֶת; דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע'ס וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיפְן רֶבִּי'ן – אִיז נִישְׁט אֱמֶת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "עָלַי אֵין חוֹלְקִים כְּלָל, רַק הֵם חוֹלְקִים עַל מִי שֶׁעָשָׂה כָּךְ, כְּמוֹ שֶׁבּוֹדִים הַחוֹלְקִים עָלָיו, וְעַל אִישׁ כָּזֶה בְּוַדַּאי רָאוּי לַחֲלֹק", אוֹיף מִיר קְרִיגְן זֵיי נִישְׁט, זֵיי קְרִיגְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף אִים דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע'ס, אוּן אוֹיף אִים דַארְף מֶען קְרִיגְן, אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "זֵייא הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גֶישְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ, אִין קְרִיגְן אוֹיף אִיהם", אוֹיף אִים קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ.

טַעֲנָה נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ; דוּ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן, אָבֶּער נִישְׁט טַעְנָה'ן מִיט אִיר. זִי אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג, שׁוּלְדִיג זֶענֶען דִי מַנְהִיגִים וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן רֶבִּי'ן, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא אַז זֵיי וֶועלְן בְּלַייבְּן אָן מִנְיָן, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא אַז זֵיי וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין חֲסִידִים. עֶס וֶועט זֵיי סֵיי וִוי נִישְׁט הֶעלְפְן, בַּיים סוֹף וֶועלְן אַלֶע קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אַלֶע וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי תִּיקוּנִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**כִּיבּוּד אֵם אִיז נִישְׁט 'אָנְטוּן דִי קִינְדֶער אַלֶע אֵיינִיג בַּיי שִׂמְחוֹת'**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב', י"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

אַז אֵיין שְׁוֶועסְטֶער מַאכְט אָפּ וִוי אַזוֹי אַלֶע אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן קוּמֶען צוּ אַ חֲתוּנָה אוּן אִיר מִיט אַייעֶר מַאן פַארְשְׁטֵייעֶן אַנְדֶערְשׁ - מֵיינְט נִישְׁט אַז אִיר

זֶענְט וָואס מַאכְן מַחֲלֹקֶת; ווי אַזוֹי אָנְצוּטוּן די קִינְדֶער בַּיי שִׂמְחוֹת הָאט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם פוּן די מִשְׁפָּחָה - דָאס הָאט מִיט אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן.

אוֹיךְ ווי אַזוֹי און אוֹיף וֶועלְכֶע וֶועג מֶען זָאל מְחַנֵךְ זַיין די קִינְדֶער, וָואס מֶען זָאל זֵיי יָא לָאזְן טוּן אוּן וָואס נִישְׁט - דָאס הָאט נִישְׁט מִיט גֶעשְׁוִויסְטֶער; דָאס הָאט מִיט אַייךְ, אַייעֶר מַאן אוּן עֶנְקֶער עֶרְלִיכֶער איד, עֶנְקֶער מוֹרֶה דֶרֶךְ וָואס בְּרֶענְגְט עֶנְק נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶענְטְשְׁן מַאכְן אַ טָעוּת, כִּיבּוּד אֵם אִיז נִישְׁט 'אָנְטוּן די קִינְדֶער אַלֶע אֵיינִיג בַּיי שִׂמְחוֹת', כִּיבּוּד אֵם אִיז זַיין גֶעטְרֵיי צוּ די מַאמֶע, רֶעדְן שֵׁיין צוּ איר, אוּן זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה'ן מִיט אַ מַאמֶע, זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר אַ מַאמֶע, אוּן נִישְׁט אִיבֶּערְהַאקְן אִירֶע רֵייד, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן איר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## חַס וְחָלִילָה אַוֶועק שְׁטוּפְּן מֶענְטְשְׁן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב', י"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הֶער זָאגְן אַז וֶוען מֶענְטְשְׁן רוּפְן דִיךְ פְּרֶעגְן אוֹיב זֵיי קֶענֶען קוּמֶען צוּ מִיר רֶעדְן - זָאגְסְטוּ זֵיי אָפּ; דוּ בִּיסְט זֵיי מַסְבִּיר אַז 'פַאְרְדֶעם קוּמְסְטוּ שְׁטֶערְן? פַאר אַזֶעלְכֶע נַארִישֶׁע זַאכְן?'

ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין גַבָּאֵי פַאר דֶעם, חַס וְחָלִילָה אַוֶועק שְׁטוּפְּן מֶענְטְשְׁן; אִיךְ דַארְף סַךְ הַכֹּל אֵיינֶער זָאל מַאכְן סֵדֶר אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט דַארְפְן וַוארְטְן לַאנְג, נָאר מִיט אַ סֵדֶר וֶוען צוּ קוּמֶען אֵיינֶער נָאכְן צְוֵוייטְן, אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם זָאגְן פַאר מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן זִיךְ פִירְן אֵיידְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳, י״ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן זִיךְ פִירְן אֵיידְל, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַלֶעס וָואס מֶען טוּט; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אוֹיבּ מֶען שְׁפִּילְט מִיט אַ צְוֵוייטְן נִישְׁט אֵיידְל, אוּן אַז מֶען הָאט שׁוֹין גֶערֶעדְט אֵיינְמָאל - רֶעדְט מֶען אַ צְוֵוייטֶע מָאל אוּן אַ דְרִיטֶע מָאל; דָאס אִיז דִי עֵצָה.

אַמָאל אַז מֶען זֶעט ווִי דִי קִינְדֶער דֶערְהֶערְן נִישְׁט - גֵייט מֶען שְׁטְרֶענְגֶער, אַזוֹי וִוי מֶען בַּאגֵייט זִיךְ מִיט קִינְדֶער בַּיי אַנְדֶערֶע פֶּעלֶער.

עֲבוֹדַת הַחִינוּךְ אִיז דָאס הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ, דָאס ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ; עֶס אִיז טַאקֶע אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, אָבֶּער עֶס צָאלְט זִיךְ אוֹיס.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז בַּיי מִיר חָשׁוּב צוּ מְחַנֵךְ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער, פִּינְקְט ווִי אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת אוּן זָאגְן ׳תִּיקוּן חֲצוֹת׳"; אַז מֶען ווִיל אוֹיפְשְׁטֵיין בַּיי חֲצוֹת זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת, דַארְף מֶען זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן פְּרִי, רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין שְׁלָאפְן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים, עֶר הָאט זֵיי גֶעוָואלְט מְחַנֵךְ זַיין, עֶר הָאט גֶעוָואלְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע מִיט זֵיי, זֵיי מְחַנֵךְ זַיין צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת, אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער וְכַדוֹמֶה.

וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן אוּן דֶערְשְׁרָאקְן אַז דוּ הָאסְט גֶעזֶען דַיין טָאכְטֶער זִיךְ שְׁפִּילְן נִישְׁט אֵיידְל מִיט נָאךְ אַ קִינְד, דָאס דַארְף דִיךְ מְחַזֵק זַיין צוּ רֶעדְן נָאךְ מֶער פוּן אֱמוּנָה; אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַלֶעס, עֶר אִיז אִיבֶּעראַל; אוּנְטֶער דִי טִישׁ, אוּנְטֶער דִי בֶּעט, אִין אַ שַאפֶע, אִין אַ טוּנְקֶעלֶע שְׁטוּב, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט זִיךְ אוֹיסְטוּן דִי וֶועשׁ מִיט אַ חַבֶר׳טֶע, אוּן חַס וְשָׁלוֹם קֵיינֶער זָאל נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְן דַיינֶע קְלֵיידֶער.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אָן אֱמוּנָה אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא ב׳, י״ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פְרֶעג אַלֶע דַיינֶע פְרַאגֶעס, שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט; מִיךְ שְׁטֶערְט נִישְׁט וֶוען מֶען פְרֶעגְט פְרַאגֶעס, דוּ קֶענְסְט פְרֶעגְן אַלֶע דַיינֶע פְרַאגֶעס אוּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילְף וֶועל אִיךְ עֶנְטְפֶערְן וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דִי זִיסֶע וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ה) דֶער עִיקָר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען צוּ אֱמוּנָה; אָן אֱמוּנָה אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס לֶעבְּן, וַוייל מִיט אֱמוּנָה הָאט מֶען שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶוען, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען מֵיינְט זַאכְן פַּאסִירְן פוּן זִיךְ אַלֵיין, מֶען קוּקְט אוֹיף דִי וֶועלְט וִוי עֶס פִירְט זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מִיט טֶבַע, מִקְרֶה, מַזָּל - לֶעבְּט מֶען שְׁטֶענְדִיג מִיט פְּחָדִים אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק אוּן אַזוֹי פֵיין וֶוען מֶען הִיט דִי אוֹיגְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, נֶעם אַרַיין אִין זִיךְ דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה; טְרַאכְט ׳אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁט דֶער אוּן נִישְׁט יֶענֶער׳, ׳אַלֶעס

אִיז פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג; קֵיינֶער קֶען נִישְׁט גוּטְס טוּן אָדֶער שְׁלֶעכְטְס טוּן, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס׳.

אֱמוּנָה בַּארוּאִיגְט, אֱמוּנָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ, אֱמוּנָה מַאכְט שְׁטַארְק דִי נֶערְוֶוען, נָאר מִיט אֱמוּנָה אִיז שַׁיָּיךְ צוּ לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

הִיט דַיינֶע אוֹיגְן. עֶס אִיז אַזוֹי גֶעשְׁמַאק אוּן אַזוֹי פֵיין וֶוען מֶען אִיז אַ שׁוֹמֵר הַבְּרִית. וֶוער עֶס הִיט דִי אוֹיגְן, דִי מַחֲשָׁבוֹת, עֶר הִיט זִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת - דֶעם וֶוערְט לִיכְטִיג, דֶעם אִיז זִיס; אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים צז, יא): "אוֹר זָרֻעַ לַצַּדִּיק", עֶס אִיז לִיכְטִיג פַארְן צַדִּיק, "וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶעם רֶבִּינְ׳ס שׁוּל זָאל זַיין דַיין שׁוּל, הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זָאל זַיין דַיין פְּלַאץ

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**
**לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פוּן לָאנְדָאן, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

אִיךְ בֶּעט עֶנְק, הַאלְט אַייךְ אִינְאֵיינֶעם, קוּמְט אַלֶע דַאוֶוענֶען אִין רֶבִּינְ׳ס שׁוּל, אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אֲפִילוּ מֶען ווּאוֹינְט וַוייט אוּן אֲפִילוּ עֶס אִיז שְׁוֶוער; בִּינְדְט אַייךְ צוּ צוּם רֶבִּי׳ן, אַ שָׁאד עֶס זָאל צֶעפַאלְן עֶנְקֶער מִנְיָן.

דֶער גַּבַּאי ר׳ שִׂמְחָה שְׁרַייבְּט מִיר אִיךְ זָאל עֶנְק שְׁרַייבְּן, עֶנְק מְחַזֵּק זַיין עֶס זָאל נִישְׁט צֶעפַאלְן דֶער מִנְיָן.

וִויסְן זָאלְט אִיר, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם יִמַּח שְׁמוֹ הָאט זַייעֶר פַיינְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, עֶר טוּט אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט צוּ מְרַחֵק זַיין פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. אוֹיךְ קֶען עֶר זִיךְ גוּט פַארְשְׁטֶעלְן מִיט אַ פְרוּמֶען לְבוּשׁ, כְּאִילוּ דִי חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ - זֶענֶען צוּ פָּשׁוּט, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מַיין גַאטוּנְג וְכוּ׳, אוּן צוּמָאל הֶעלְפְט עֶר טְרֶעפְן חֶסְרוֹנוֹת בַּיי דֶעם אוּן בַּיי יֶענֶעם, בִּיז עֶר אִיז מְרַחֵק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן רֶבִּי׳ן.

בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, בִּינְדְט אַייךְ צוּ צוּם רֶבִּי׳ן, דֶעם רֶבִּינְ׳ס שׁוּל זָאל

זַיין דַיין שׁוּל, הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ זָאל זַיין דַיין פְּלַאץ, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תרה): "אֲפִילּוּ אִם אֵינוֹ אִישׁ כָּשֵׁר, אַף עַל פִּי כֵן טוֹב לוֹ מְאֹד מַה שֶּׁמִּתְקָרֵב עַצְמוֹ לְהַצַּדִּיק", אֲפִילּוּ מֶען אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף צוּ זַיין זָאל מֶען זִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם צַדִּיק. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, יג): "'אַל תְּהִי רָשָׁע בִּפְנֵי עַצְמְךָ', שֶׁאֲפִילּוּ אִם הוּא רָשָׁע חַס וְשָׁלוֹם, לֹא יִהְיֶה רָשָׁע בִּפְנֵי עַצְמוֹ", אֲפִילּוּ מֶען אִיז חַס וְשָׁלוֹם אַ רָשָׁע, מֶען אִיז וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זָאל מֶען נִישְׁט זַיין פַאר זִיךְ אַלֵיינְס, "רַק הוּא גַּם הוּא יִשְׁתַּדֵּל לְהִתְקָרֵב לְהַצַּדִּיק כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה לוֹ אֵיזֶה אַחֲרִית וְתִקְוָה עַל כָּל פָּנִים", נָאר זַיין בַּיים צַדִּיק, זִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּם צַדִּיק, אַזוֹי וֶועט דֶער צַדִּיק אִים פַארֶעכְטְן אוּן עֶס וֶועט עֶפֶּעס בְּלַייבְּן פוּן אִים.

לִיבֶּער בְּרִידֶער הַאלְט אַייךְ אִינְאֵיינֶעם, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט בְּשָׁעַת עֶר אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן פוּן בְּרֶסְלֶב קַיין אוּמַאן; דֶער רֶבִּי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים טִיר פוּן זַיין שְׁטוּב, עֶר הָאט גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף דִי מְזוּזָה אוּן גֶעזָאגְט: "תִּרְאוּ לְהִתְקַבֵּץ יַחַד, וּלְהִתְפַּלֵּל יַחַד", אִיר זָאלְט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶונֶען צוּזַאמֶען, "כִּי אִם תִּתְפַּלְּלוּ בְּכַוָּנָה, אוּלַי תּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ אוֹתִי לְכָאן עוֹד הַפַּעַם". ווייל אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶונֶען צוּזַאמֶען, וֶועט אִיר מִיךְ קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ אַייךְ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קפז).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דֶער זְכוּת פוּן אִיבֶּערְטַייטְשְׁן דִי קִינְדֶער בִּיכְל אוֹיף עֶנְגְלִישׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דָאנֶערְשְׁטָאג אִין שְׁטֶעטְל בַּאזוּכְן דֶעם בֵּית הַדְּפוּס, אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעזֶען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל דִי שֵׁיינֶע בִּיכְל פַאר קִינְדֶער אִין עֶנְגְלִישׁ וָואס אִיר הָאט אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; אִיךְ ווִיל אַייךְ בַּאדַאנְקֶען, אִיר זָאלְט וִויסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט אוּן דִי זְכוּתִים וָואס אִיר הָאט.

אוֹיךְ דִי מְפִיצִים זָאגְן מִיר אַז דָאס אִיז אַ חִידוּשׁ צְוִוישְׁן דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס רֶעדְן עֶנְגְלִישׁ; זֵיי כַאפְּן דָאס, זֵיי בֶּעטְן נָאךְ חֲלָקִים.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ דָא נָאךְ צְוֵוי מַעֲשִׂיוֹת פוּן דִי מַעֲשֶׂה'לֶעךְ, אוּן אַז אִיר קֶענְט דָאס מְתַרְגֵּם זַיין אִין עֶנְגְלִישׁ אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ.

אִיךְ בֶּעט פַאר אַייךְ אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

אוֹיךְ אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי חֶסֶד וָואס אִיר טוּט אִין שְׁטֶעטְל מִיטְן אוֹיסְטֵיילְן עֶסְן פַאר דִי קִימְפֶּעטָארִינְס. אִין דֶעם זְכוּת זָאלְט אִיר זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן הָאבְּן כֹּחַ מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין, זֵיי אוֹיפְצִיעֶן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז דֶער מְלַמֵּד גֶעבְּט לִיבְּשַׁאפְט פַאר קִינְדֶער, אִיז עֶס נִישְׁט שְׁלֶעכְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

אַז דֶער מְלַמֵּד קִיצְלְט דִי הֶענְט בִּיז אוּנְטֶער דִי אָרֶעם פוּנֶעם קִינְד - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין סִימָן פוּן שְׁלֶעכְטְס, דָאס אַז אַ סִימָן פוּן אַ פְרֵיילִיכֶער מְלַמֵּד וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ דִי קִינְדֶער, אוּן אַז דֶער מְלַמֵּד גְלֶעט דִי קִינְדֶער אוּן גֶעבְּט דִי קִינְדֶער לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט - אִיז דָאס נִישְׁט אַ סִימָן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

מוֹהֲרַ"אַ"שׁ דֶערְצֵיילְט אוּנְז, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד אוּן עֶר הָאט גֶעגְלֶעט דִי קִינְדֶער, אוּן אַזוֹי הָאט אוֹיךְ מוֹהֲרַ"אַ"שׁ גֶעטוּן.

מַאכְט נִישְׁט פוּן יֶעדֶע זַאךְ אַ בֶּער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בְּלַייבְּן אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג פַאר דִי שׁוּלֶע בֵּית פֵּיגָא

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אַ טוֹבָה, אוֹיבּ דוּ בִּיסְט מַסְכִּים צוּ בְּלַייבְּן וואוֹינֶען פַאר נָאךְ אַבִּיסְל אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן נִישְׁט גֵיין אִין שְׁטֶעטְל, אִיךְ דַארְף הָאבְּן לֶערֶערִינְס פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר. אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת צִיעֶן זִיךְ אַרוֹיס יֶעצְט זוּמֶער צוּם שְׁטֶעטְל, אִיךְ דַארְף הָאבְּן דַיין וַוייבּ אִין בֵּית פֵּיגָא לִשְׁנַת תשפ״ד הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה.

דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶועןן דִי יָאר אִין בֵּית פֵּיגָא, מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן אִיר צוּ הָאבְּן קוּמֶענְדִיגֶע יָאר.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַן אֵיידֶעלֶע עֶרְלִיכֶע וַוייבּ, אִיךְ הָאף דוּ טוּסְט אִיר שֶׁעצְן אוּן מְכַבֵּד זַיין.

...

## אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וַואשְׁט אָפּ אַלֶע פְלֶעקְן פוּן דִי נְשָׁמָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, זַיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, בְּקָרוֹב וֶועסְטוּ הָאבְּן דַיין שִׁידוּךְ. גֶעבּ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ גְלַייךְ זֶען אַ יְשׁוּעָה.

זָאג יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת, אַז דוּ קֶענְסְט זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים - מַה טוֹב וּמַה נָּעִים; דָאס וַואשְׁט אָפּ פוּן אַלֶע פְלֶעקְן, עֶס אִיז מְטַהֵר דִי נְשָׁמָה. עַל כָּל פָּנִים, זָאג אַפָּאר פְּרָקִים.

זוּךְ אַ שְׁטִילֶע ווִינְקְל וואוּ דוּ קֶענְסְט זִיךְ אַבִּיסְל מִתְבּוֹדֵד זַיין, שְׁמוּעֶס אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ.

...

## דַיין וַוייבּ וַוארְט דוּ זָאלְסְט אִיר גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְעֶר ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה לֹא.): "אֵין בַּעַל הַנֵּס מַכִּיר בְּנִסּוֹ", דֶער בַּעַל הַנֵּס כַאפְּט אַלֵיינְס נִישְׁט דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט אִים; אִיךְ מֵיין דוּ כַאפְּסְט נִישְׁט דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיט דִיר גֶעמַאכְט, דוּ הָאסְט אַן אֵשֶׁת חַיִל מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער, שֶׁלֹּא כְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע, דַארְפְסְטוּ מַכִּיר טוֹב זַיין דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

ווִי אַזוֹי אִיז מֶען מַכִּיר טוֹב? דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען פָּאלְגְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד) צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ; רֶעדְן שֵׁיין, וֵוייךְ אוּן הַארְצִיג. דַיין וַוייבּ וַוארְט דוּ זָאלְסְט אִיר גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט; עֶס קוּמְט אִיר, גֶעבּ אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער.

טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, גֵיי אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים. ווּאוֹינְסְט דָאךְ צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער אוּן גְרָאז; זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג שְׁפַּאצִירְן אַפָּאר מִינוּט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים.

זַיי מְכַבֵּד דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער. וֶוען דוּ גֵייסְט שַׁבָּת צוּ זֵיי - זָאלְסְטוּ זִיצְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַזוֹי ווִי דוּ ווִילְסְט דַיינֶע אֵיידֶעמֶער זָאלְן זִיצְן בַּיי דַיין שַׁבָּת טִישׁ. פַארְגֶעס נִישְׁט, דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן דוּ הָאסְט אֵיידֶעמֶער, וָואס וֶועסְטוּ דֶעמָאלְט טוּן...?

...

**אַז מִיר זָאלְן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן נָאר אוֹיף צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן, אִיז שׁוֹין כְּדַאי**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט מְכַבֵּד דַיין טַאטֶע מַאמֶע, אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכָה וָואס דִי תּוֹרָה גֶעבְּט (שְׁמוֹת כ, יא): "לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ".

אַז מִיר זָאלְן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן נָאר פַאר דִי אֵיין זַאךְ, צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן - אִיז שׁוֹין כְּדַאי. דִי דֶרֶךְ אֶרֶץ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט - אִיז צוּם בַּאוואוּנְדֶערְן. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: "וֶוען דִי קֵיסָרִין אוּן קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוְוּיסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים - וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר".

לֶערְן יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא פוּנֶעם טָאג.

...

**זַיי שְׁטַארְק בַּיי דִי אַרְבֶּעט נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט דִי גוֹיִם נִיבוּל פֶּה**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

שְׁרַייב מִיר דַיינֶע סִיוּמִים, וֶועסְטוּ מִיךְ מְחַיֶּ' זַיין. יֶעדֶע מָאל אִיךְ הֶער אַז דוּ לֶערְנְסְט אוּן דוּ מַאכְסְט נָאךְ אַ סִיוּם - בִּיסְטוּ מִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּ', דוּ גֶעבְּסְט מִיר אַ שְׁטִיק גֶעזוּנְט.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, זָאג יֶעדְן טָאג גְמָרָא אוּן מִשְׁנַיוֹת; נָאר תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, נָאר דֶער וָואס לֶערְנְט - שְׁפִּירְט זִיךְ גוּט, שְׁפִּירְט אַ צוּפְרִידְנְקֵייט.

זַיי שְׁטַארְק בַּיי דִי אַרְבֶּעט נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט דִי גוֹיִם נִיבוּל פֶּה, וַוייל אוֹיב מֶען רֶעדְט נִיבוּל פֶּה - בְּרֶענְגְט מֶען שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרוֹת אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף דִי מִשְׁפָּחָה.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ.

...

## נִישְׁט אַרְבֶּעטְן נָאךְ זֶעקְס אַזֵייגֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ו סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה אַז דוּ בִּיסְט מַצְלִיחַ מִיט פַּרְנָסָה, דוּ אַרְבֶּעטְסְט נִישְׁט פַאר יֶענֶעם, דוּ אַרְבֶּעטְסְט פַאר זִיךְ אוּן צוּבִּיסְלִיךְ גֵייסְטוּ אַרוֹיס פוּן דַיינֶע חוֹבוֹת; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

אֵיין זַאךְ, גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ אַרְבֶּעטְן אִין דִי שְׁפֶּעטֶע שָׁעוֹת, עֶס לוֹינְט נִישְׁט דִי אַרְבֶּעט אוֹיבּ אִיז דָאס אוֹיף דִי חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. זֶעקְס אַזֵייגֶער זָאלְסְטוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ לֵייגְן שְׁלָאפְן דִי קִינְדֶער, עֶס נַאכְטְמָאל אוּן גֵיי אִין שׁוּל; זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען.

הַלְוַואי וֶועסְטוּ מִיךְ פָאלְגְן מִיט דִי זַאךְ, נִישְׁט אַרְבֶּעטְן נָאךְ זֶעקְס אַזֵייגֶער. דוּ הָאסְט מִיךְ גֶעפָאלְגְט בִּיז אַהֶער אִין לֶעבְּן, בָּרוּךְ הַשֵׁם אִיךְ הָאבּ דִיךְ נִישְׁט פַארְפִירְט; הָאסְט שֵׁיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאסְט טַייעֶרֶע זִיסֶע קִינְדֶער, יֶעצְט אַז דוּ וֶועסְט טוּן וָואס שְׁטֵייט אִין דֶעם בְּרִיוו, זַיין אִין שְׁטוּבּ זֶעקְס אַזֵייגֶער הֶעלְפְן דִי וַוייבּ, אִיר מְחַזֵק זַיין, אִיר גֶעבְּן אַפָּאר גוּטֶע וֶוערְטֶער - וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

...

## וֶוער עֶס אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִיק אוֹיף דִי וֶועלְט, וֶועט זַיין מְקוּרָב צוּם צַדִיק אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַאלְט זִיךְ מִיטְן רֶבִּי׳ן, בִּינְד זִיךְ צוּ צוּם רֶבִּי׳ן, טוּ וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר

צוּ בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן, וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם יִמַּח שְׁמוֹ טוּט אַלֶעס וָואס עֶר קֶען נָאר, אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן רֶבִּי'ן.

אִיךְ וֵויס דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַרִיבֶּער אַ פְרִישֶׁע פַּרְשָׁה פוּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, יֶעצְט שְׁפִּירְסְטוּ וִוי דוּ קֶענְסְט עֶס מֶער נִישְׁט נֶעמֶען, דוּ ווִילְסְט אָפְּלָאזְן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, בֶּעט אִיךְ דִיר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, טַייעֶרֶער חָבֵר, בְּלַייבּ בַּיים רֶבִּי'ן; וֶועסְטוּ אוֹיךְ זַיין אִין גַּן עֵדֶן בַּיים רֶבִּי'ן. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן עד): "הַמְקֹרָבִים שֶׁיֵּשׁ לַצַּדִּיק בְּחַיָּיו, הֵם יִהְיוּ מְקֹרָבִים בְּמוֹתָם", וֶוער עֶס אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִּיק אוֹיף דִי וֶועלְט - וֶועט זַיין מְקוּרָב צוּם צַדִּיק אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז דָא אַסַאךְ מֶער בִּלְבּוּלִים אוּן אַסַאךְ חֲלִישׁוּת הַדַּעַת מֶען זָאל אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען פַארְדְרֵיידְט דִי נְשָׁמָה; דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה, דִי מְקַטְרְגִים - זֶענֶען גֶעפֶערְלִיךְ, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען לֶעבְּט דָא, וִוי אַזוֹי מֶען בִּינְדְט זִיךְ צוּ דָא - אַזוֹי וֶועט זַיין דָארְט.

מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן רֶבִּי סֶענְדֶר'ל פוּן טִירָאוִויצֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד הַשֵּׁם, סוֹף יָמָיו הָאט עֶר גֶעווֹאוֹינְט אִין אוּמַאן אוּן זַיין סֵדֶר הַיּוֹם אִיז גֶעוֶוען אַז יֶעדְן פַארְטָאגְס פְלֶעגְט עֶר גֵיין צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן לֶערְנֶען דָארְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן. אַמָאל הָאט פַּאסִירְט אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען פַארְטָאגְס צוּם צִיּוּן אוּן מֶען הָאט גֶעזֶען אַ וַוייסֶע גֶעשְׁטַאלְט בַּיים צִיּוּן, קוֹדֶם הָאט מֶען מוֹרָא גֶעהַאט וָואס דָאס אִיז אָבֶּער נָאכְדֶעם הָאט מֶען בַּאמֶערְקְט אַז דָאס אִיז רֶבִּי סֶענְדֶר פוּן טִירָאוִויצֶע בַּאדֶעקְט מִיט שְׁנֵיי פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "רֶבִּי סֶענְדֶר וָואס טוּט אִיר דָא, עֶס אִיז קַאלְט אוּן עֶס שְׁנֵייט, אִיר וֶוערְט דָאךְ בַּאלְד פַארְפְרוֹירְן?!" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען פַארְטָאגְס צוּם צִיּוּן אוּן דֶער צִיּוּן אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁפַּארְט, הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט אַז אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן דָא; עֶס הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען פַאלְן אַ שְׁנֵיי הָאבּ אִיךְ שׁוֹין יָא גֶעוָואלְט אַהֵיים גֵיין, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ 'וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין מִזֶּה הָעוֹלָם, אִיךְ וֶועל אַרוֹיפְקוּמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן אִיךְ וֶועל וֶועלְן גֵיין צוּם הֵיילִיגְן

רֶבִּינְ'ס הֵיכָל, וֶועט מֶען מִיר עֶנְטְפֶערְן תֵּירוּצִים: עֶס רֶעגְנְט, עֶס שְׁנֵייט, עֶס אִיז וַוייט, עֶס אִיז קַאלְט וְכוּ' וְכוּ'; וֶועל אִיךְ זָאגְן אַז וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֶעבְּט אוֹיף דִי וֶועלְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ בִּין יֶעדְן טָאג גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אַזוֹי וִויל אִיךְ יֶעצְט אוֹיךְ גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אָן קַיין תֵּירוּצִים - וֶועט מֶען מִיר מוּזְן לָאזְן גֵיין צוּם רֶבִּי'ן''.

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן דִי מַעֲשֶׂה, דָאךְ שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר נָאכְאַמָאל דִי מַעֲשֶׂה וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג אוּן עֶס שְׁטֶעלְט אַוֶועק דֶעם קָאפּ וִוי צוּ טְרַאכְטְן וֶוען מֶען הָאט דִי בִּלְבּוּלִים וְכוּ' וְכוּ'. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד ר' לִיפָּא, אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר. אַמָאל אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּם יְרִיד מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט קוֹדֶם גֵיין צוּם רֶבִּי'ן נֶעמֶען אַ בְּרָכָה, עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שַׁבָּת. בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט עֶר גֶעוַוארְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל שׁוֹין עֶנְדִיגְן דִי תּוֹרָה, עֶר זָאל קֶענֶען פָארְן צוּם יְרִיד פַארְדִינֶען גֶעלְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אַלֶעס גֶעזֶען, הָאט עֶר מְרַמֵּז גֶעוֶוען בַּיי דִי תּוֹרָה וָואס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (תִּיקוּנֵי זוֹהַר תִּיקוּן ג' מֵהַתִּקּוּנִים הָאַחֲרוֹנִים): "חָיְיכַת בְּהוֹן בְּעוּתְרָא בְּהַאי עָלְמָא, וּלְבָתַר, קָטִילַת בְּהוֹן", גֶעלְט לַאכְט צוּם מֶענְטְשׁ אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, אוּן שְׁפֶּעטֶער הַרְגְ'עט עֶס דֶעם מֶענְטְשׁ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיט דֶעם מְרַמֵּז זַיין פַאר ר' לִיפָּא אַז נִישְׁט אַלֶעס אִיז גֶעלְט וְכוּ'. ר' לִיפָּא הָאט זִיךְ בַּאלֵיידִיגְט פוּן דֶעם, עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן רֶבִּי'ן אוּן מֶער נִישְׁט גֶעקוּמֶען.

יָארְן שְׁפֶּעטֶער הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעטְרָאפְן, עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "לִיפָּא, וואוּ בִּיסְטוּ אַנְטְלָאפְן, פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַוֶועק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן? עִמָּנוּ הֱיִיתֶם!" הָאט אִים ר' לִיפָּא גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט מִיךְ פַארְשֶׁעמְט", מֵיינֶענְדִיג דִי תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אוּן אִים מְרַמֵּז גֶעוֶוען אִין דִי תּוֹרָה, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "לִיפָּא! פוּן אַזַא רֶבִּי גֵייט מֶען אַוֶועק?! זָאל דֶער רֶבִּי נֶעמֶען אַ דְרָאנְג (אַ דִיקֶע הָאלְץ) אוּן מִיךְ שְׁלָאגְן - וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין", וַוייל וֶוען מֶען מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד - קוּמְט אוֹיס אַז 'פוּן אַזַא רֶבִּי וֶועל אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין, אֲפִילוּ עֶר וֶועט מִיךְ שְׁמַייסְן מִיט אַ דְרָאנְג'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מַאכְט נִישְׁט דִי זַאךְ פוּן אוֹיסְרֵיינִיגְן דִי קֶערְפֶּער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

גֶעבּ אַכְטוּנְג, מַאכְט נִישְׁט דִי זַאךְ פוּן אוֹיסְרֵיינִיגְן דִי קֶערְפֶּער, נִישְׁט פַּאר אַייךְ אוּן זִיכֶער נִישְׁט פַּאר דִי קִינְדֶער. דָא אִיז גֶעוֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס דִי רֶעגִירוּנְג הָאט אִים צוּגֶענוּמֶען זַיינֶע קִינְדֶער וַוייל זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט מַאכְן עֶנֶעמֶעס פַּאר דִי קִינְדֶער.

טוּט נִישְׁט דִי זַאכְן, מַאכְט נִישְׁט דִי סַכָּנָה׳דִיגֶע זַאכְן, הֶערְט נִישְׁט אוֹיס דִי פְּרוֹיעֶן וָואס רֶעדְן פוּן דִי זַאכְן. אַז אַ קִינְד שְׁפִּירְט נִישְׁט גוּט - גֵייט מֶען צוּם דָאקְטֶער אוּן אַז דֶער דָאקְטֶער זָאגְט נֶעמֶען אַנְטִי-בִּיַאטִיק - זָאלְט אִיר נִישְׁט טְרַאכְטְן קַיין אֵיין מִינוּט אַז דָאס שַׁאדְט, אִיךְ נֶעם אַנְטִי-בִּיַאטִיק וֶוען עֶס פֶעלְט אוֹיס אוּן אִיךְ גֶעבּ פַּאר מַיינֶע קִינְדֶער אַנְטִי-בִּיַאטִיק וֶוען עֶס פֶעלְט אוֹיס. מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶענוּמֶען, אוּן גֶעגֶעבְּן פַּאר זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן נִישְׁט אוֹיסְגֶעוַואשְׁן דִי קָאוֹלֶען וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אַ רַחְמָנוּת וֶוען מֶען גֵייט נָאךְ דִי אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### ווֹאוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל אִיז נִישְׁט נָאר הָאנִיג, מֶען דַארְף זִיךְ גוּט דֶערְהַאלְטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט״ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

טְרַאכְט עֶס גוּט דוּרְךָ, טוּ נִישְׁט קַיין ווִילְדֶע זַאכְן; אִין שְׁטֶעטְל קוּמֶען

וואוינֶען - אִיז נִישְׁט נָאר הָאנִיג, מֶען דַארְף זִיךְ גוּט דֶערְהַאלְטְן; בִּפְרַט וֶוען מֶען קוּמְט פוּן אַ צְוֵוייטֶע לַאנְד - דַארְף מֶען זִיךְ גוּט בַּארֶעכֶענֶען אֵיידֶער מֶען טוּט דָאס.

טְרַאכְט נִישְׁט פַאר אֵיין רֶגַע אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס וואוינֶען אִין שְׁטֶעטְל זֶענֶען בֶּעסֶער וִוי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן לָאנְדָאן. מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען, בַּיי יֶענֶעם אִיז דִי גְרָאז גְרִינֶער, אַ רַחְמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען אַז בַּיי יֶענֶעם אִיז בֶּעסֶער, בַּיי יֶענֶעם אִיז גְרִינֶער דִי גְרָאז; עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אַלֶעס אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין; אִיז דֶער מֶענְטְשׁ דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז עֶר אִיבֶּערָאל פְרֵיילִיךְ, וואוּ עֶר גֵייט, וואוּ עֶר שְׁטֵייט - שְׁפִּירְט עֶר מִיט זִיךְ דִי שַׁ"י עוֹלָמוֹת, אוּן אַז נִישְׁט, אִיז וואוּ עֶר גֵייט אוּן וואוּ עֶר שְׁטֵייט - שָׁאקְלְט זִיךְ אוּנְטֶער אִים דִי עֶרְד, אַזוֹי וִוי דִי קְלָלָה פוּן קַיִן (בְּרֵאשִׁית ד, יב): "נָע וָנָד תִּהְיֶה בָאָרֶץ".

וֶוען מֶען פְרֶעגְט מִיךְ וואוּ אִיךְ וואוֹין, עֶנְטְפֶער אִיךְ: "אִיךְ וואוֹין אִין מַיין דִירָה, מִיט מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער", אוּן אַז מֶען וִויל וִויסְן וואוּ מַיין דִירָה גֶעפִוּנְט זִיךְ; מַיין דִירָה גֶעפִוּנְט זִיךְ אִין אַמֶערִיקֶע, אִין נְיוּ יָארְק, אִין אַ גֶעגֶענְט וָואס רוּפְט זִיךְ וִוילְיַאמְסְבּוּרְג, אָבֶּער וואוֹינֶען וואוֹין אִיךְ אִין מַיין שְׁטוּבּ, אוּן מִיט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת מַאךְ אִיךְ מַיין שְׁטוּבּ פַאר גַן עֵדֶן.

דֶערִיבֶּער אַז דוּ וִוילְסְט זִיךְ אַוֶועק צִיעֶן פוּן לָאנְדָאן, קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל - זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז אִין שְׁטֶעטְל וואוֹינְט יֶעדֶער אֵיינֶער בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט אוֹיף דָארְט אוּן וִויל אַלֶעמֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי אֵייגֶענֶע ד' אַמּוֹת, מֶען דַארְף דָארְט אוֹיךְ אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, כא): "הַקִּנְאָה וְהַתַּאֲוָה וְהַכָּבוֹד, מוֹצִיאִין אֶת הָאָדָם מִן הָעוֹלָם", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקַנֵא אַנְדֶערֶע, גְלוּסְטְן אוּן זוּכְן כָּבוֹד, דִי דְרֵיי זַאכְן נֶעמְט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי וֶועלְט; פְרֶעגְט מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דָא וָואס הָאבְּן קִנְאָה, תַּאֲוָה אוּן כָּבוֹד, אָדֶער אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן, אוּן זֵיי לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס זָאגְט דִי מִשְׁנָה אַז עֶס נֶעמְט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט? זָאגְט מוֹהֲרַא"שׁ, פְּשַׁט

אִיז, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ אַן אֵייגֶענֶע וֶועלְט, זַיין שְׁטוּבּ, זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אַזוֹי אוֹיךְ אַ פְּרוֹי הָאט אִיר מַאן מִיט אִירֶע קִינְדֶער, אָבֶּער וִוי נָאר מֶען הוֹיבְּט אָן קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע - גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן דִי אֵייגֶענֶע וֶועלְט, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דָאס גוּטְס פוּן דִי אֵייגֶענֶע שְׁטוּבּ, פוּן דִי פְּלַאץ וואוּ מֶען אִיז, פוּן דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, מֶען קוּקְט אוֹיף אַנְדֶערֶע, דָאס אִיז פְּשַׁט: "הַקִּנְאָה וְהַתַּאֲוָה וְהַכָּבוֹד, מוֹצִיאִין אֶת הָאָדָם מִן הָעוֹלָם".

מֵיין נִישְׁט אַז אִיךְ וִויל דִיךְ נִישְׁט בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה, בַּיי מִיר בִּיסְטוּ אוּן דַיין מִשְׁפָּחָה זֵייעֶר חָשׁוּבּ, אִיךְ זָאג נָאר זָאלְסְט נִישְׁט מֵיינֶען קַיין אֵיין רֶגַע אַז מֶען קוּמְט וואוֹינֶען אִין לִיבֶּערְטִי דַארְף מֶען מֶער נִישְׁט קַיין חִיזוּק, מֶען דַארְף אַסַאךְ חִיזוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## אִיךְ בְּלַייבּ גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אָדְל דִי צַדֶיקֶת גְרֵייט אָן דֶעם שֵׁיינֶעם סֶדֶר נַאכְט פַאר אִיר טַאטֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִי דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס הָאט פַּאסִירְט, וִוי פוּן הִימְל זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען דִי פָּאר-פָּאלְק פוּן דֵייטְשְׁלַאנְד מִיט אַלֶע עֶסְן פַאר יוֹם טוֹב פֶּסַח.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אִין שׁוּל, עֶר טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָארְגְט גָארְנִישְׁט פוּן וואוּ עֶר וֶועט הָאבְּן מַצּוֹת אוּן עֶסְן פַארְן סֶדֶר נַאכְט, עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן. דֶער צַדִיק גֵייט אִין מִקְוֶה זִיךְ טוֹבֵל׳עֶן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אַוֶועק דַאוֶונֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִינְגְט עֶר הַלֵּל.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב קוּמְט אָן צוּם הֶקְדֵשׁ, דִי שְׁטוּבּ וואוּ עֶר הַאלְט זִיךְ אוֹיף אִין אִיסְטַאנְבּוּל. מֶען הוֹיבְּט אָן דֶעם סֵדֶר, אָדְל מִיט רֶבִּי צְבִי זִיצְן בַּיים



"וֶועל אִיךְ דִינֶען דֶעם אֵי



יבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין גַן עֵדֶן!״

סֵדֶר אִינְאֵיינֶעם מִיטְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוֹיךְ הָאט אָדְל אַיינְגֶעלַיידְנְט דִי פָּאר-פָּאלְק זָאלְן זַיין בַּיים סֵדֶר.

בַּיי שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ שְׁמֵייכְלְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב צוּ זַיין טָאכְטֶער אוּן פְרֶעגְט: "טָאכְטֶער לֶעבְּן, וֶוער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי מַצּוֹת, וַויין, מִיט אַלֶע גוּטֶע עֶסְן?" אָדְל זָאגְט: "טַאטֶע, דִי פָּאר-פָּאלְק, זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט אוּן צוּגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם גַאנְצֶע סֵדֶר, זֵיי ווִילְן דוּ זָאלְסְט זֵיי בֶּענְטְשְׁן מִיט אַ קִינְד. שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער", זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "אִיךְ זָאג צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג, בִּיז אַ יָאר וֶועט אִיר גֶעהָאלְפְּן וֶוערְן מִיט אַ קִינְד".

עֶפֶּעס אִיז גֶעשֶׁען מִיטְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט; דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק אִיז פְּלוּצְלוּנְג גֶעוָוארְן וַוייס ווִי קַאלֶעךְ, עֶר זֶעט אוֹיס זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן. מֶען הָאט אִים יֶעצְט מוֹדִיעַ גֶעוֶוען פוּן הִימְל אַז עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא, זַיין גַאנְצֶע גַן עֵדֶן. וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְזֵירָה אַז דִי פָּאר-פָּאלְק וֶועט קַיין קִינְדֶער נִישְׁט הָאבְּן, אוּן אַז דֶער צַדִּיק הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר דִי פָּארְפָאלְק אַ קִינְד - וֶועט מֶען מוּזְן גֶעבְּן אַ קִינְד, וַוייל אַ צַדִּיק קֶען מְבַטֵּל זַיין דִי גְזֵירוֹת; דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַזוֹי בְּלַאס, מֶען הָאט אִים צוּגֶענוּמֶען זַיין גַן עֵדֶן.

"וֶועל אִיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין גַן עֵדֶן!" שְׁרַייט אוֹיס דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, "אִיךְ בְּלַייבּ

דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעטְרֵיי, אִיךְ וֶועל וַוייטֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אָן קַיין אָפְּשְׁטֶעל״.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף זַיין גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אֲפִילוּ מֶען הֶערְט אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל אַז מֶען וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גַן עֵדֶן - זָאל מֶען ווייטֶער בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים וַוייטֶער דִינֶען.

אַלֶע קִינְדֶער, לָאמִיר זִינְגֶען אִינְאֵיינֶעם: ״אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם נָאר דִיר בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיינְס, נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט, נָאר דִיר בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיינְס״.

בס"ד

# בשורה טובה ומשמחת!

שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך

## צו אייער טיר

אויף די פאסט

די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים

# עצתו אמונה

הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,

געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'

## יואל רוטה

שליט"א

היכל הקודש

רופט אדער טעקסט

קרן הדפסה היכל הקודש **718-387-2691**

אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org

חיזוק צום טיר

goodpointmediainc@gmail.com